ארײַן און וואוינען דאָרט; און דער סוף פון יענעם
מענטשן ווערט ערגער ווי דער אָנהויב. אַט אַזוי
וועט עס זײַן מיט דעם דאָזיקן בײזן דור.
46 און בשעת ער האָט נאָך גערעדט צו די המונים
מענטשן, זע, זײַן מוטער און זײַנע ברידער זענען
געשטאַנען אינדרויסן, און האָבן באַגערט צו רעדן
47 מיט אים. און עמיצער האָט צו אים געזאָגט: זע,
דײַן מוטער און דײַנע ברידער שטײען אינדרויסן,
48 און ווילן רעדן מיט דיר. ער אָבער האָט ענטפערנדיק
געזאָגט צו דעם, וואָס האָט עס אים געזאָגט: ווער
איז מײַן מוטער, און ווער זענען מײַנע ברידער?
49 און האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט אויף זײַנע
תלמידים, און געזאָגט: זע, מײַן מוטער און
50 מײַנע ברידער! ווארום ווער עס וועט טון דעם
רצון פון מײַן פאָטער, וואָס איז אין הימל, דער
זעלביקער איז מײַן ברודער, און שוועסטער, און
מוטער!

## קאַפּיטל דרײַצן

1 אין יענעם טאָג איז ישוע אַרויסגעגאַנגען פון
הויז, און האָט זיך אַנידערגעזעצט בײַם ים.
2 און גרויסע המונים מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט
צו אים, אַז ער איז אײַנגעשטיגן אין אַ שיפל, און
האָט זיך אַנידערגעזעצט; און די גאַנצע מאַסע
3 מענטשן איז געשטאַנען בײַם ברעג. און ער האָט
גערעדט צו זײ אַ סך זאַכן מיט משלים, אַזוי צו
זאָגן: זע, דער זײער איז אַרויסגעגאַנגען צו זײען;
4 און בשעת ער האָט געזײט, איז אַביסל (פון דער
זריעה) געפאַלן בײַם וועג, און די פײגל זענען
5 געקומען און האָבן עס אײַנגעשלונגען. אַן אַנדער
ביסל איז געפאַלן אויף שטײניקע ערטער, וואו